פּאַציענט & קעירגעבער לערנען

# וועגן אייער צענטראלע ווענוס קאטעטער (Central Venous Catheter, CVC) פאר קינדער פאציענטן

די אינפארמאציע ערקלערט די אפעראציע פאר׳ן ארײנלייגן אייער CVC ארייגערעכנט וויאזוי זיך צו גרייטן און וואס צו ערווארטן. עס ערקלערט אויך וויאזוי קעיר צו נעמען פון אייער CVC. אין דעם ריסארס, וועלן די ווערטער "איר" און "אייערע" זיך ווענדן צו אייך אדער אייער קינד.

## וועגן CVCs

א CVC איז א קאטעטער (לאנגע, בייגזאמע טוב) וואס ווערט ארײנגעלייגט אין אן אדער אין אייער ברוסט-קאסטן. עס זענען פארהאן אסאך סארטן CVC׳ס. אייער דאקטער וועט באשליסן וועלכע סארט איז דאס בעסטע פאר אייך.

אלע CVC׳ס האבן 1 צענטראלע קאטעטער וואס ווערט ארײנגעלייגט אין א גרויסע אדער נעבן אייער הארץ. אינדרויסן פון אייער קערפער, צוטיילט זיך דער גרויסע קאטעטער צו 1, 2, אדער 3 קלענערע טובס גערופן לומענס. יעדע לומען האט א קלעמפ, א נאדל-לאזע באהעפטער (אויך אנגערופן א קלעיוו), און א דיס-

אינפעקציע קעפל ביים ענדע (זע בילד 1).




בילד 1. צענטראלע ווענוס קאטעטער (CVC)

האבן א CVC וועט אייך העלפן דארפן ווייניגער נאדל שטעקענעס. אייער קעיר טיעם קען נוצן אייער CVC צו:

- נעמען בלוט ביישפילן פון אייך
- אייך געבן פליסיגקייטן
- אייך געבן קימאטעראפיע און אנדערע מעדיצינען
- אייך געבן בלוט טראנספֿוזיעס
- אייך געבן אינטרעווענוס (IV) נערונג

אייער CVC קען בלייבן אין אייער קערפער פאר אזוי לאנג ווי אפאר יאר. עס וועט בלייבן אין פלאץ פאר די גאנצע צייט פון אייער באהאנדלונג. אייער דאקטער וועט ארויסנעמען אייער CVC ווען איר

דארפט עס מער נישט.

האבן א CVC זאל אייך נישט אפהאלטן פון טון געהעריגע אקטיוויטעטן, אזויווי גיין צו שולע אדער ארבעט, נעמען א שאווער, און טון לייכטע איבונגען. ליינט דער "באהאנדלען אייער CVC" אפטיילונג פאר מער אינפארמאציע.

איר וועט האבן אן אפעראציע צו לייגן אייער CVC. אייער נורס וועט אייך זאגן וויאזוי זיך צו גרייטן פאר אייער אפעראציע. זיי וועלן אייך אויך לערנען וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט אייער CVC נאך אייער אפעראציע. איר וועט זיך לערנען צו:

- טוישן אייער דרעסינג (באנדאדזש)
- טוישן אייער נאדל-לאזע באהעפטערס
- טוישט אייערע דיס-אינפעקציע קעפלעך (SwabCaps®)
- רייניגן אייער CVC

איר קענט האבן א קעירגעבער, פאמיליע מיטגליד, אדער פריינט זיך לערנען אינאיינעם מיט אייך. נאך איר גייט אהיים, נוצט דעם וועגווייזער אייך צו העלפן געדענקען די שריט זיך אפצוגעבן מיט אייער CVC.

# איידער אייער פּראָצעדור

## פרעגט וועגן אייער מעדיקאַמענטן

איר קענט מעגליך דארפן אויפהערן נעמען אפאר פון אייער מעדיצינען איידער אייער אפעראציע. רעדט מיט אייער העלטקעיר פּראָווײדער וועגן וועלכע מעדיקאַמענטן זענען זיכער פֿאַר אייך צו

אויפֿהערן צו נעמען. מיר האבן אריינגערעכנט עטליכע באקאנטעביישפילן אונטן.

## אַנטיקאָאַגולאַנץ (בלוט טינער)

אויב איר נעמט א בלוט טינער (מעדיצינען וואס אפעקטירן די וועג וואס אייער בלוט קלאט), פרעגט דער דאקטער וואס וועט דורכפירן אייער אפעראציע וואס צו טון.

| דאָגמעס פון בלוט טינערס | | |
|---|---|---|
| אַספּירין | טינזאַפּאַרין (®Innohep) | פּראַסוגרעל (®Effient) |
| ווארפארין (®Jantoven אדער ®Coumadin) | ענאָקסאַפּאַרין (®Lovenox) | טיקלאפאדיין (®Ticlid) |
| דאַלטעפּאַרין (®Fragmin) | קלאָפּידאָגרעל (®Plavix) | |
| העפארין | סילאָסטאַזאָל (®Pletal) | |

## מעדיצינען פאר דייעביטיס

אויב איר נעמט אינסולין אדער אנדערע מעדיצינען פאר דייעביטיס, פרעגט אייער העלטקעיר פראוויידער וואס פארשייבט עס וואס צו טון דער צופרי פון אייער אפעראציע. איר וועט מעגליך דארפן טוישן די דאזע איידער אייער אפעראציע.

## אספירין און אנדערע נאנסטעראודאל אנטי-אינפלאממאטארי דראגס (NSAIDs)

אויב איר נעמט אספירין, א מעדיצין וואס פארמאגט אספירין, אדער אן NSAID אזוויי אייבופראפען (®Advil אדער ®Motrin), פרעגט

אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר דארפט עס אויפהערן נעמען איידער אייער אפעראציע. דאס וועט זיך ווענדן אין די סיבה פארוואס איר נעמט עס.

צו לערנען מער, ליינט *How To Check if a Medicine or Supplement Has Aspirin, Other NSAIDs, Vitamin E, or Fish Oil* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/common-medications-containing-aspirin-and-other-nonsteroidal-anti-inflammatory-drugs-nsaids).

### וויטאמין E און אנדערע דייעטערי סופלעמענטן

אויב איר נעמט וויטאמין E, הערט עס אויף נעמען 7 טעג איידער אייער אפעראציע, אדער ווי אנגעוויזן דורך אייער העלטקעיר פראוויידער.

אויב איר נעמט א מולטי-וויטאמין, סיי וועלכע הערבאל היילונגען, אדער סיי וועלכע אנדערע סופלעמענט, פרעגט אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר זאלט עס ווייטער נעמען.

### זאגט אונז אויב איר זענט קראנק

אויב איר ווערט קראנק (אזויווי מיט א פיבער, פארקילונג, האלז ווייטיג, אדער פלו) איידער אייער אפעראציע, רופט אייער העלטקעיר פראוויידער.

## 1 טאג איידער אייער פּראָצעדור

### באַמערקט די צייט פון אייער פּראָצעדור

א שטאב מיטגליד וועט אייך רופן די טאג פאר אייער אפעראציע. אויב

אייער פּראָצעדור איז געצייַטיקט פֿאַר אַ מאנטיק, זיי וועלן אייך רופן אויף די פרייטאג איידער. אויב מען רופט אייך נישט ביז 4:00 p.m., רופט 212-639-5948.

די שטאב מיטגליד וועט אייך זאגן וויפיל אזייגער צו זיין אין שפיטאל אויפ'ן טאג פון אייער אפעראציע. זיי וועלן אייך אויך דערמאנענען וואו צו גיין. עס וועט זיין איינע פון די פאלגנדע ערטער:

- Pediatric Ambulatory Care Center (PACC)
  1275 York Avenue (צווישן East 67$^{th}$ און East 68$^{th}$ Streets)
  New York, NY 10065
  נעמט דער B עלעוועיטער צו די 9'טע שטאק.
- Presurgical Center (PSC) אויף די 6'טע שטאק
  1275 York Avenue (צווישן East 67$^{th}$ און East 68$^{th}$ Streets)
  New York, NY 10065
  נעמט דער B עלעוועיטער צו די 6'טע שטאק.

באזוכט www.msk.org/parking פאר פארקינג אינפארמאציע און אנווייזונגען צו אלע MSK לאקאציעס.

**אנווייזונגען פארן עסן איידער אייער פראצעדור**



**איר זאלט נישט עסן קיין הארטע עסנווארג נאך האלבנאכט די נאכט איידער אייער פּראָצעדור.** דאָס איז אײַנשליסלעך האַרטע צוקערלעך און גומע.

# די טאג פון אייער פראצעדור

## אנווייזונגען פאר טרינקען איידער אייער פראצעדור

איר קענט ווייטער טרינקען פארמולע, מאמע׳ס מילך, און קלארע פליסיגקייטן נאך האלבע נאכט. פאלגט אויס די אנווייזונגען אינעם טאוול אונטן. איר קענט פוצן אייער ציין און נעמען אייערע מעדיצינען מיט א קליין ביסל וואסער.

| סארט פליסיגקייט | וויפיל צו טרינקן | ווען זיך אפצושטעלן טרינקען |
|---|---|---|
| **בעיבי פארמולע** | וויפיל מען וויל | הערט אויף טרינקן פארמולע **6 שעה** פאר די צייט וואס איר דארפט אנקומען. |
| **מאמע׳ס מילך** | וויפיל מען וויל | הערט אויף טרינקן מאמע׳ס מילך **4 שעה** פאר די פלאנירטע צייט וואס איר דארפט אנקומען. |
| **קלארע פליסיגקייטן** אזוויווי וואסער, פרוכט זאפטן אן שטיקלעך, געטראנקן מיט גאז, טיי אן מילך און קאווע אן מילך | ☐ 0 ביז 3 יאר אלט: ביז **4 אונסעס** (120 מיליליטער)<br>☐ 4 ביז 8 יאר אלט: ביז **6 אונסעס** (180 מיליליטער)<br>☐ 9 ביז 13 יאר אלט: ביז **8 אונסעס** (240 מיליליטער)<br>☐ 13 יאר און עלטער: ביז **12 אונסעס** (360 | שטעלט זיך אפ פון טרינקן קלארע פליסיגקייט **2 שעה** פאר די צייט וואס איר דארפט אנקומען. |

| | | |
|---|---|---|
| | מיליליטער) | |



**איר זאלט גארנישט טרינקען אנגעהויבן פון 2 שטונדן איידער אייער געסקעדזשועלטע אנקומען צייט.** דאס שליסט איין פארמולע, מאמע׳ס מילך, וואסער, און אנדערע קלארע פליסיגקייטן.

### נעמט אייערע מעדיצינען ווי געהייסן

אויב אייער העלטקעיר פראוויידער האט אייך געזאגט צו נעמען געוויסע מעדיצינען אינדערפרי אינעם טאג פון אייער אפעראציע, נעמט נאר יענע מעדיצינען מיט אביסל וואסער. געווענדן אויף וועלכע מעדעצינען איר נעמט, קען דאס זיין אלע, עטליכע, אדער קיין איין פון אייער געווענליכע צופרי מעדעצינען.

### שפריץ-באָד

נעמט א שאווער נוצנדיג אייער געווענליכע זייף, שאמפו, און קאנדישאנער. נאך אייער שאווער, טריקנט זיך אפ מיט א ריינע האנטוך און טוט אן ריינע קליידער. לייגט נישט קיין שום שמירעכץ, זאלב, דעאדעראנט, מעיקאופ, פאודער, פארפום, אדער קאלאן.

### איר זאָלט געדענקען דאָזיקע זאכן

- טראגט ריינע, באקוועמע קליידער.
- אויב איר טראָגט קאָנטאַקט לענסעס, טראָגט אַנשטאָט אייער ברילן. טראגן קאנטאקט לענסעס בשעת אן אפעראציע קען שעדיגן אייערע אויגן.

- איר זאָלט נישט טראָגן קיין מעטאַלנע אָביעקטן. נעמט אַראָפּ אַלע צירונגען, אײַנשליסלעך קערפּער פּיערסינגס. די געצייג וואס ווערן גענוצט בשעת אייער אפעראציע קענען פאראורזאכן בריען אויב זיי רירן אן אייזן.
- לאזט ווערדפולע ארטיקלען אינדערהיים.
- אויב איר מענסטרועיט (האט אייער מאנאטליכע פעריאד), נוצט א סאניטערי פעד, נישט א טאמפאן. איר וועט באקומען איינמאליגע אונטערוועש, ווי אויך א פעד אויב נויטיג.

## וואס צו ברענגן

- א ליסטע פון מעדיצינען וואס איר נעמט אינדערהיים, אריינגערעכנט איבער'ן-קאונטער און פרעסקריפשען מעדיצינען, פעטשעס, און זאלבען.
- מעדיצינען פאר אטעמען פראבלעמען (אזוי ווי אינהעילערס), אויב איר נעמט.
- מעדיצינען פאר ברוסט-קאסטן ווייטאג, אויב איר נעמט.
- א האלטער פאר אייער גלעזער אדער לענסעס.
- אייער העלט קעיר פראקסי בויגן און אנדערע פאראויסיגע אנווייזונגען, אויב איר האט זיי אויסגעפולט.
- אייער אטעמען מאשין פאר שלאף אפניע (אזוי ווי אייער CPAP אדער BiPAP), אויב איר האט איינס.
- דעם וועגווייזער. איר וועט עס נוצן צו לערנען וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט אייער CVC נאך אייער אפעראציע.

## איינמאל איר זענט אין שפיטאל

ווען איר קומט אן אין שפיטאל, נעמט די B עלעוועיטאר צו די 9טע שטאק (אויב איר גייט צו די PACC) אדער די 6טע שטאק (אויב איר גייט צו די PSC).

פיל שטאב מיטגלידער וועלן אייך בעטן צו זאגן און אויסשרייבן אייער נאמען און געבורט דאטום. דאָס איז פֿאַר אייער זיכערקייַט. פאציענטן מיט די זעלבע אדער ענליכע נאמען קענען האבן אן אפעראציע אין די זעלבע טאג.

ווען עס איז צייט זיך צו טוישן פאר אייער אפעראציע, וועט איר באקומען א שפיטאל קלייד, ראק, און נישט-גליטשיגע זאקן צו טראגן.

## טרעף זיך מיט א נורס

איר וועט זיך טרעפן מיט א נורס איידער אייער אפעראציע. זאגט זיי די דאזע פון סיי וועלכע מעדיצינען (אריינגערעכנט פעטשעס און זאלבען) וואס איר האט גענומען נאך האלבנאכט און די צייט וואס איר האט זיי גענומען.

די נורס וועט אריינלייגן אן אינטרעווענוס (IV) ליניע אין איינע פון אייער אדערן. דער IV ליניע קען גענוצט ווערן אייך צו געבן פליסיגקייטן, מעדיצינען אייך צו העלפן זיין רואיג דורכאויס דער אפעראציע, אדערביידע.

## טרעפט זיך מיט אן אנעסטיזיאלעדזשיסט

איר וועט זיך טרעפן מיט אן אנעסטיזיאלעדזשיסט איידער אייער אפעראציע. זיי וועלן:

- איבערשמועסן אייער מעדעצינישע פארגאנגענהייט מיט אייך.
- אייך פרעגן אויב איר האט געהאט פראבלעמען מיט אנעסטעזיע אין די פארגאנגענהייט, אריינגערעכנט איבל (פילן ווי איר וועט ברעכן) אדער ווייטאג.
- רעדן מיט אייך וועגן אייער באקוועמליכקייט און זיכערהייט בשעת אייער אפעראציע.
- רעדן מיט אייך וועגן די סארט אנעסטיזיע וואס איר וועט באקומען.
- ענטפערן אייערע פראגעס וועגן אייער אנעסטיזשיע.

## זיך גרייטן פאר אייער אפעראציע

איין אדער 2 באזוכער קענען זיין מיט אייך ווען אירווארט פאר די אפעראציע זיך אנצוהויבן. ווען עס איז צייט פאר אייער אפעראציע, וועט א שטאב מיטגליד ברענגען אייער באזוכער(ס) צום ווארט צימער.

איידער איר ווערט אריינגעפירט אינעם אפערירונג צימער, וועט איר מעגליך געבעטן ווערן אראפצונעמען אייער הירינג עידס, פאלשע דעוויס(עס), שייטל, און רעליגיעזע ארטיקלען, אויב איר האט.

איר וועט אדער ארייגשפאצירן אינעם אפערירונג צימער אדער וועט א שטאב מיטגליד אייך אריינפירן אויף א סטרעטשער. א מיטגלידער פונעם אפעראציע צימער טיעם וועט אייך העלפן אריבערגיין צום אפערירן בעטל. איינמאל איר זענט באקוועם, וועט אייער אנעסטיזיאלאדזשיסט אייך געבן אנעסטיזשיע דורך אייער IV ליניע און איר וועט איינשלאפן.

## בשעת אייער אפעראציע

ערשט, וועט אייער דאקטער אייך געבן אן איינשפריץ (נאדל) פון א ארטיגע אנעסטעטיק נעבן אייער קאלנער-ביין. אן ארטיגע אנעסטעטיק איז א מעדיצין וואס מאכט אן ארט פון אייער קערפער נאמב. דאס וועט אייך אפהאלטן פון האבן ווייטאג נאך אייער אפעראציע.

נאכדעם, וועט אייער דאקטער מאכן צוויי קליינע שניטן (סורדזשיקעל שניטן) גערופן דער ארייננגאנג ארט און ארויסגאנג ארט.

- דער **ארייננגאנג ארט** איז וואו אייער CVC וועט ארייננגיין אין אייער אדער. דער שניט וועט זיין פונקט אונטער אייער קאלנער-ביין.
- דער **ארויסגאנג ארט** איז וואו אייער CVC וועט ארויסגיין פון אייער קערפער. דער שניט וועט זיין אפאר אינטשעס אונטער דער ארייננגאנג ארט.

דאן, וועט אייער דאקטער לייגן איין עק פונעם CVC דורך דער ארייננגאנג ארט און אריין אין אייער אדער. זיי וועלן פעדימען דער אנדערע עק אונטער אייער הויט און ארויס פון דער ארויסגאנג ארט. פעדימען די CVC אונטער אייער הויט וועט העלפן עס אפהאלטן פון זיך רוקן.

נאך דער CVC איז אין פלאץ, וועט אייער דאקטער פארמאכן דער ארייננגאנג ארט מיט ®Dermabond (סורדזשיקעל קלעב) אדער ™Steri- Strips (סורדזשיקעל טעיפ). זיי וועלן פארמאכן די ארויסגאנג ארט מיט סטיטשעס. זיי וועלן אויך צונייען אייער CVC צו אייער הויט ביים ארויסגאנג ארט אזוי אז עס זיין בלייבן אין פלאץ ביז עס ווערט פעסטגעשטעלט אין דער דורכגאנג אונטער אייער הויט.

דאן, ווען זיי ארויפלייגן 2 דרעסינגס: 1 דרעסינג איבער אייער ארייגאנג ארט און 1 דרעסינג איבער אייער ארויסגאנג ארט און CVC.

## נאָך אייער פּראָצעדור

ווען איר וועקט זיך אויף נאך אייער אפעראציע, וועט איר זיין אינעם נאך אנעסטיזיע קעיר יוניט (PACU). וויבאלד איר זענט איינגעארדענט, וועט א נורס ברענגען אייער באזוכערס צו זיין מיט אייך.

א נורס וועט האלטן אן אויג אויף אייער קערפער טעמפעראטור, פולס, בלוט דרוק, און אקסידזשען שטאפלען. איינמאל איר וועקט זיך אינגאנצן אויף, וועט אייער נורס אייך געבן א טרינק און א לייכטע איבערבייס.

אייער נורס וועט אויסלערנען אייך און אייער קעירגעבער וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט אייער דרעסינג איידער איר ווערט באפרייט פון שפיטאל. זיי וועלן אייך אויך געבן אן עמערדזשענסי קיט. דער עמערדזשענסי קיט זאל האבן:

- 2 קלעמפס אן ציין
- 1 דרעסינג טוישן קיט
- אלקאהאל פעדס
- מעדיקעל (פאפיר) טעיפ
- אייער דאקטער׳ס אפיס און עמערדזשענסי טעלעפאן נומערן

**האלט דער עמערדזשענסי קיט מיט אייך אלעמאל.** איר וועט עס דארפן אויב דער קאטעטער רינט, אייער דרעסינג ווערט שמוציג אדער קומט אראפ, אדער אייער נאדל-לאזע באהעפטער אדער דיס-אינפעקציע קעפל פאלט אראפ.

## באהאנדלען אייער שניטן

איר קענט מעגליך האבן אביסל אומבאקוועמליכקייט ארום אייער שניטן. אייער קעיר טיעם וועט מאכן א פלאן צו קאנטראלירן אייער ווייטאג געוואנדן אין אייער געברויכן. זאגט זיי אויב אייער ווייטאג איז נישט קאנטראלירט.

עס איז וויכטיג צו האלטן אייער דרעסינג טרוקן פאר די ערשטע 24 שטונדן (1 טאג) נאך אייער אפעראציע. נאך 24 שטונדן, וועט איר דארפן טוישן אייער דרעסינגס. ליינט דער אפטיילונג "טוישן אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטערס, און דיס-אינפעקציע קעפלעך," פאר מער אינפארמאציע.

איר קענט אראפנעמען דער דרעסינג איבער אייער אריינגאנג ארט 2 טעג נאך אייער אפעראציע. איר דארפט נישט ארויפלייגן א נייע. אויב איר האט Steri-Strips, לאזט זיי אין פלאץ ביז זיי הויבן אן אראפצוקומען פון זיך אליינס. דאס זאל פאסירן אומגעפער 3 צו 5 טעג נאך אייער אפעראציע. **נעמט נישט אראפ דער דרעסינג איבער אייער CVC.**

אייער העלטקעיר פראוויידער וועט אייך געבן אנווייזונגען איבער וועלכע איבונגען און באוועגונגען איר קענט טון בשעת אייער שניטן היילן זיך. מאכט זיכער מיט זיי איידער איר הויבט אן שווערע איבונגען

(אזויווי לויפן, דזשאג'ן, אדער אויפהויבן וואגן).

## באהאנדלען אייער CVC

- טינקט נישט איין אייער CVC אין וואסער (אזויווי א וואנע אדער שווים באסיין).
- פארמאכט די קלעמפס אויפ'ן לומענס ווען די CVC איז נישט אין באנוץ.
- האלט אייער CVC פארזיכערט אלעמאל עס זאל נישט ווערן געצויגן. פרעגט א נורס וועגן די בעסטע וועג צו פארזיכערן אייער CVC.
- פארמיידט קאנטאקט ספארטס און אקטיוויטעטן וואס קענען מעגליך ציען אייער CVC (אזויווי פוטבאל, סאקער, און ראפהאוזינג). פרעגט אייער העלטקעיר פראוויידער וועגן סיי וועלכע אקטיוויטעטן איידער איר הויבט אן מיט זיי. זייט פארזיכטיג נישט צו ציען אייער CVC ווען איר טוישט אייער קליידער.
- קוקט איבער אייער ארויסגאנג ארט יעדן טאג פאר:
  - רויטקייט
  - ווייכקייט
  - פליסיגקייט
  - געשוועלאכץ
  - בלוט

אויב איר האט איינע פון די, רופט אייער העלטקעיר פראוויידער. איר

קענט מעגליך האבן אן אינפעקציע.

## וואס צו טון אויב אייער CVC רינט

1. פארמאכט אייער CVC איבער וואו עס רינט. רוקט דער ווייסע קלעמפ אויפ'ן טובינג אזוי אז עס זאל זיין איבער וואו עס רינט, אויב איר קענט. אויב איר קענט נישט נוצן די ווייסע קלעמפ, נוצט א ציינלאזע קלעמפ פון אייער עמערדזשענסי קיט.
2. ווישט אפ דער ארט וואס רינט מיט אן אלקאהאל פעד.
3. דעקט צו דער ארט וואס רינט מיט מעדיקעל טעיפ.
4. רופט גלייך אייער העלטקעיר פראוויידער. CVC'ס קענען אסאך מאל ווערן פאררעכטן.

## וואס צו טון אויב אייער CVC דרעסינג איז געשעדיגט, לויז, שמוציג, אדער נאס

טוישט גלייך אייער דרעסינג. פאלגט אויס די שריט אין די אפטיילונג "טוישן אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטערס, און דיס-אינפעקציע קעפלעך."

## וואס צו טון אויב אייער נאדל-לאזע באהעפטער ווערט שמוציג אדער פאלט אראפ

- אויב אייער נאדל-לאזע באהעפטער ווערט שמוציג, טוישט עס. פאלגט אויס די אנווייזונגען אין די אפטיילונג "וויאזוי צו טוישן אייער נאדל-לאזע באהעפטערס און דיס-אינפעקציע קעפלעך."
- אויב אייער נאדל-לאזע באהעפטער פאלט אראפ, ווארפט עס ארויס. לייגט עס נישט צוריק אויפ'ן לומען. לייגט ארויף א נייע

נאדל-לאזע באהעפטער נאכפאלגנדיג די שריט אונטן.

1. זאַמלט צונויף די סופּלייס. איר וועט דארפן:
   - 2 אַלקאָהאָל פּעדס
   - א נייע נאדל-לאזע באהעפטער
   - א נייע דיס-אינפעקציע קעפל
2. מאכט זיכער אז די קלעמפ אויפ'ן לומען איז פארמאכט.
3. נוצנדיג אן אלקאהאל פעד, האלט דעם לומען מיט אייער נישט-דאמינענט האנט (דער האנט וואס איר שרייבט נישט מיט) נאנט צו, אבער נישט אנרירנדיג, די נאדל-לאזע באהעפטער.
4. הייבט אויף נאך אן אלקאהאל מיט אייער דאמינענט האנט. נוצט דער אלקאהאל פעד צו רייבן די עק פונעם לומען פאר 15 סעקונדעס. ווארפט ארויס דעם אלקאהאל פעד. לאזט דער לומען זיך אפטרוקענען פאר 15 סעקונדעס.
5. הויבט אויף דער נייע נאדל-לאזע באהעפטער מיט אייער דאמינענט האנט. אויב עס האט א דעקט, נעמט אראפ דעם דעקל. דרייט דעם נייע נאדל-לאזע באהעפטער ארויף אויפ'ן לומען.
6. לייגט א דיס-אינפעקציע קעפל אויפ'ן עק פון די נאדל-לאזע באהעפטער.

- רופט אייער העלטקעיר פראוויידער נאך איר לייגט ארויף דער נייע נאדל-לאזע באהעפטער. מען וועט מעגליך דארפן נעמען בלוט פון אייך צו מאכן זיכער אז איר האט נישט קיין אינפעקציע.

## וואס צו טון אויב אייער דיס-אינפעקציע קעפל פאלט אראפ

ווארפט ארויס די דיס-אינפעקציע קעפל וואס איז אראפגעפאלן. לייגט עס נישט צוריק אויפ'ן לומען.

ארויפצולייגן א נייע דיס-אינפעקציע קעפל:

1. רייניגט אייערע הענט מיט זייף און וואסער אדער אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער.
2. נעמט א נייע דיס-אינפעקציע קעפל פון אייער עמערדזשענסי קיט. נעמט אראפ דעם קעפל פונעם סטריפ.
3. האלט דער נאדל-לאזע באהעפטער אין איין האנט. מיט דער אנדערע האנט, שטופט און דרייט איידעלערהייט דער נייע דיס-אינפעקציע קעפל ארויף אויפ'ן עק פון די נאדל-לאזע באהעפטער.

## אנווייזונגען צו נעמען א שאווער

פאלגט אויס די אנווייזונגען אין דעם אפטיילונג ווען איר נעמט א שאווער. טינקט נישט איין אייער CVC אין וואסער (אזויווי א וואנע אדער שווים באסיין).

פאר מער אינפאציע איבער נעמען א שאווער מיט א CVC, קוקט דער פאלגנדע ווידיא.

Please visit **www.mskcc.org/yi/cancer-care/patient-education/video/showering-while-you-have-central-venous-catheter** to .watch this video

**נוצט א וואסער-פראף דעקל**

איר קענט נעמען א שאווער מיט אייער קאטעטער אין פלאץ נוצנדיג אן איינמאליגע וואסער-פראף צודעק וואס גייט איבער אייער דרעסינג (אזויווי AquaGuard®). איר קענט קויפן וואסער-פראף דעקלעך אנליין.

יעדע מאל וואס איר נעמט א שאווער, דעקט צו דעם CVC אינגאנצן מיט א נייע וואסער-פראף דעקל זיי צו באשיצן פון ווערן נאס. ארויפצולייגן דער וואסער-פראף דעקל:

1. נעמט אראפ די אויבערשטע און זייטיגע סטריפס.
2. לייגט די אויבערשטע עק איבער אייער דרעסינג. לאזט נישט די טעיפ אויפ׳ן וואסער-פראף דעקל אנרירן אייער דרעסינג. עס קען אויפהויבן אייער דרעסינג ווען איר נעמט אראפ דער וואסער-פראף דעקל נאכ׳ן שאווער. מאכט דער דעקל גלייך איבער אייער דרעסינג.
3. נעמט אראפ דער אונטערשטע סטריפ. מאכט זיכער אז די אונטערשטע עק פון דער וואסער-פראף דעקל איז אונטער אייער דרעסינגג און דער לומענס פון אייער קאטעטער זענען אריינגעשטעקט אין אייער וואסער-פראף דעקל און אינגאנצן פארדעקט. מאכט גלייך דער אונטערשטע עק.

נעמט נישט א שאווער פאר לענגער ווי 15 מינוט. נוצטווארעם וואסער, נישט הייס וואסער. דאס וועט העלפן אפהאלטן די וואסער-פראף צודעק פון אראפקומען.

נאך אייער שאווער, טריקנט אפ דער וואסער-פראף צודעק איידער

איר נעמט עס אראפ. אויב אייער דרעסינג ווערט נאס, טוישט עס. פאלגט אויס די אנווייזונגען אין די אפטיילונג “טוישן אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטערס, און דיס-אינפעקציע קעפלעך.”

## נוצט א 4% קלאראהעקסידיין גלוקאנעיט (CHG) סאלושאן אנטיסעפטיק הויט רייניגער אזוי ווי Hibiclens®

בשעת אייער CVC איז אין פלאץ, איז זייער וויכטיג צו האלטן אייער הויט ריין צו פארמינערן די ריזיקע פון אינפעקציע. וואשט זיך מיט 4% CHG סאלושען יעדן טאג בשעת איר האט א CVC.

CHG איז א שטארקע אנטיסעפטיק (פליסיגקייט געניצט צו הרג’נען דזשערמס און באצילן) וואס הרג’עס באצילן פאר ביז 24 שעה נאך איר נוצט עס. נעמען א שאווער מיט א 4% CHG סאלושאן אנטיסעפטיק הויט רייניגער וועט העלפן פארמינערן די ריזיקע פון אינפעקציע בשעת איר האט א CVC.

איר קענט קויפן א 4% CHG סאלושאן אנטיסעפטיק הויט רייניגער אן א פרעסקריפשען פון סיי וועלכע ארטיגע אפטייק אדער אנליין. איר וועט אויך באקומען א קליינע באטל ווען איר ווערט באפרייט פון שפיטאל.

## אנווייזונגען פאר נוצן 4% CHG סאלושאן.

1. וואשט אייער האר מיט אייער געווענליכע שאמפו און קאנדישאנער. שווענקט גוט אייער קאפ.
2. וואשט אייער פנים און פריוואטע (גרוין) ערטער מיט אייער געווענליכע זייף. שווענקט גוט אייער גוף מיטווארעם וואסער.

3. עפענט די CHG 4% סאלושאן פלאש. גיסט אריין אביסל אין אייער האנט אדער א ריינע וואש טיכל.
4. ריקט זיך אוועק פונעם שאווער שטראם. רייבט די CHG 4% סאלושען לייכטערהייט איבער אייער גוף פון אייער האלדז ביז צו די פיס. לייגט עס נישט אויף אייער פנים אדער פריוואטע ערטער.
5. גייט צוריק אריין אינעם שויער שטראם אפצושווענקען די CHG 4% סאלושאן. ניצטווארעם וואַסער.
6. טריקנט זיך אפ מיט א ריינע האנטוך.

לייגט נישט קיין שום שמירעכץ, זאלב, דעאדעראנט, מעיקאופ, פאודער, פערפיום, אדער קאלאנע נאך אייער שויער.

**וויכטיגע פונקטן צו געדענקען ווען נוצנדיג CHG 4% סאלושאן**

- נוצט נישט CHG אויף קינדער יונגער ווי 2 מאנאטן אלט.
- נוצט נישט געהעריגע זייף, לאושין, פאודער, אדער דיאדערענט נאכ׳ן זיך וואשן מיט CHG 4% סאלושאן אן פריער רעדן מיט אייער נורס. אויב איר זענט אין דער שפיטאל, קען אייער נורס אייך געבן א לאושין וואס איר קענט נוצן נאכ׳ן נוצן CHG 4% סאלושאן.
- נוצט נישט CHG 4% סאלושאן אויף אייער קאפ, פנים, אויערן, מויל, פריוואטע ערטער, אדער אויף טיפע וואונדן. אויב איר האט א וואונד און איר זענט נישט זיכער אויב איר זאלט נוצן CHG 4% סאלושאן אויף עס, פרעגט אייער העלטקעיר פראוויידער.
- נוצט נישט CHG 4% סאלושאן אויב איר זענט אלערגיש צו קלארהעקסידיין.

- אויב אייער הויט ווערט געשטערט אדער איר האט אן אלערגישע רעאקציע ווען איר נוצט CHG 4% סאלושאן, הערט עס אויף צו נוצן און רופט אייער העלטקעיר פראוויידער.

## טוישן אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטערס, און דיס-אינפעקציע קעפלעך

אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטערס, און דיס-אינפעקציע קעפלעך וועלן דארפן ווערן געטוישט און אייער CVC וועט דארפן ווערן גערייניגט כאטש איינמאל א וואך. געווענליך, וועט א נורס עס טון פאר אייך בשעת אייער אפאונטמענטס. עס איז בייהילפיג צו וויסן וואזוי עס אליינס צו טון אין פאל וואס אייער דרעסינג, נאדל-לאזע באהעפטער, אדער דיס-אינפעקציע קעפלעך ווערן געשעדיגט, לויז, נאס, שמוציג, אדער פאלט אראפ.

פארבינדט זיך אלעמאל מיט אייער העלטקעיר פראוויידער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס.

- **טוישט נישט אייער דרעסינג אין טוילעט נאך א שאווער.** די פארע פון די שאווער קען אפהאלטן די קלעבער פון קלעבן צו אייער הויט.
- איר וועט נוצן א Tegaderm™ דרעסינג צו באדעקן אייער ארויסגאנג ארט. אייער דרעסינג דארף ווערן געטוישט איין מאל א וואך. אויב דער דרעסינג ווערט נאס, געשעדיגט, אדער שמוציג, טוישט עס שנעלער. טוישט עס אינעם זעלבן טאג וואס איר טוישט אייער נאדל-לאזע באהעפטערס און דיס-אינפעקציע קעפלעך און רייניגט אייער CVC.

- אויב דער דזשעל פעד אויף אייער Tegaderm דרעסינג ווערט געשוואלן, טוישט אייער דרעסינג. איר קענט אויספרובירן דער דזשעל פעד דורך עס איידלערהייט אראפדרוקן מיט אייער פינגער. אויב איר זעט אן אפדרוק, איז דער דזשעל פעד געשוואלן און איר זאלט טוישן אייער דרעסינג. דאס קען פאסירן אויב עס איז דא אסאך שווייס אונטער אייער דרעסינג.
- אויב איר האט פראבלעמען מיט אייער הויט, אזויווי עמפינדליכקייט, קען אייער נורס פארשלאגן אן אנדערע סארט דרעסינג. אין דעם פאל, וועט איר עס מעגליך דארפן טוישן מער ווי איין מאל א וואך.
- נישט קיין חילוק וועלכע דרעסינג איר נוצט, טוישט עס גלייך אויב עס הויבט אן אראפקומען אדער עס ווערט נאס. לייגט נישט נאר נאך א דרעסינג אדער קלעבער איבער עס.

**געצייג**

- 1 דרעסינג טוישן קיט
- נישט-סטערילע הענטשקעס
- מעדיקעל (פאפיר) טעיפ
- 1 דיס-אינפעקציע קעפל פאר יעדע לומען
- א צווייטער דרעסינג אדער נאדל-לאזע באהעפטער, אויב אייער נורס האט אייך געגעבן איינס
- א שפיגל וואס קען שטיין אויף א טיש, אזויווי א מעיקאפ שפיגל
- א ספרעי וואס נעמט אראפ קלעבאכץ אדער פעדס, ווי נויטיג

**סטערילע מעטאדן צו טוישן אייער דרעסינג**

געדענקט נישט צו טוישן אייער דרעסינג אין טוילעט נאך א שאוועק.

1. גרייט אן א ריינע ארט צו ארבעטן. זאַמלט צונויף די סופּלייס.
2. עפנט דער וועגווייזער *מאפע פאר טוישן די דרעסינג פון קינדער פאציענטן: CVC* וואס איז ארייַנגערעכנט אין די געדרוקטע ווערסיע פון דעם וועגווייזער. אויב איר וועט אויך נוצן דער וועגווייזער *How to Put on Your Sterile Gloves* ([www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/sterile-gloves](www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/sterile-gloves)), עפנט עס אויך. שפרייט זיי אויס וואו איר קענט זיי זען. איר וועט זיי נישט מעגן אנרירן איינמאל איר הויבט אן טוישן אייער דרעסינג וויבאלד דאס וועט צושטערן די סטערילע מעטאדן.

   אייער דרעסינג טוישן קיט קומט אויך מיט א פּרעצעדורעל טשעקליסטע. דעם טשעק-ליסטע איז א קורצע איבערזיכט פון איינפאכע אינפארמאציע. איר קענט עס נוצן אינאיינעם מיט דעם וועגווייזער. עס האט 2 זייטן. נוצט דער זייט וואס אייער נורס זאגט אייך צו נוצן.
3. רייניגט אייער הענט גוט.
   - אויב איר וואשט אייער הענט מיט זייף און וואסער, מאכט אייער הענט נאס מיט ווארעם וואסער און לייגט אנטי-באקטעריאל זייף. רײבט גוט די הענט במשך כאָטש 20 סעקונדעס און שווענקט אויס. טריקנט אפּ אייער הענט מיט א פאפיר טאוועל און נוצט דעם זעלבן פאפיר טאוועל צו פארמאכן דעם קראן. אויב איר האָט נישט קיין איינמאָליגע האַנטיכער, קענט איר נוצן זויבערע שמאַטעס. טוישט זיי ווען זיי ווערן נאַס.

- אויב איר נוצט האנט סאניטייזער, מאכט זיכער צוצודעקן אייער גאנצע הענט דערמיט. רייבט זיי צוזאמען ביז זיי זענען טריקן.

4. מאכט אייך אין א באקוועמע פאזיציע. נעמט אראפ דער CVC פון אייער קליידער, אויב נויטיג. עפנט אדער טוט אויס אייער קליידער צו אנטפלעקן דער CVC.
5. מאכט זיכער אז דער CVC קלעמפס זענען פארמאכט.
6. נעמט אראפ דער דרעסינג טוישן קיט׳ס דרויסנדיגע פעקל. צוויי סורדזשיקעל מאסקעס וועלן ליגן פון אויבן (זע בילד 2). סיי איר און דער מענטש וואס העלפט אייך טוישן אייער דרעסינג מוזן טראגן א מאסקע. **רירט גארנישט אנדערש אן פון אינערווייניג אינעם קיט.**



בילד 2. דרעסינג טוישן קיט

7. טוט אָן די נישט־סטערילע הענטשיך. נעמט אראפ דער אלטע דרעסינג דורך איידלערהייט אנכאפן די עק פונעם דרעסינג און שטייטערהייט עס אראפנעמען פון אייער הויט אין ריכטונג פונעם ארויסגאנג ארט.

- ◦ אינעם צייט וואס איר נעמט אראפ דער דרעסינג, לייגט אייער דיקע פינגער אדער צווייטע פינגער אויפ'ן דזשעל פעד צו האלטן דער CVC אין פלאץ און פארמיידן פון שלעפן אויף דעם.
- ◦ עס צו מאכן גרינגער אראפצונעמען, ווישט אפ דער ארט אונטער דער דזשעל פעד מיט א פעד וואס נעמט אראפ קלעבאכץ אדער נוצט א ספרעי וואס נעמט אראפ קלעבאכץ.
- ◦ מאכט זיכער אז דאס גאנצע דזשעל פעד קומט אראפ מיט'ן דרעסינג.

  ווארפט ארויס די הענטשקעס און אלטע דרעסינג.

8. אן אנרירן דעם ארט, קוקט איבער דער ארויסגאנג ארט און די הויט ארום דעם. אויב איר טוישט דעם דרעסינג אליינס, איז גרינגער דאס צו טון דורך קוקן אין שפיגל. אויב דער ארויסגאנג ארט איז רויט, רוי, געשוואלן, אדער האט פליסיגקייטן אדער דער ארט ארום אייער CVC רינט, רופט אייער העלטקעיר פראוויידער נאך איר ענדיגט טוישן אייער דרעסינג.
9. עפנט דער ווייסע סטערילע פאפיר צו צייגן די רעשטע פון די געצייג. אויב אייער נורס האט אייך געגעבן א צווייטער דרעסינג אדער נאדל-לאזע באהעפטער צו נוצן, עפנט דעם פעקל אזוי אז דער דרעסינג אדער נאדל-לאזע באהעפטער פאלט אריין אויפ'ן סטערילע פאפיר דרעיפ.

**פון יעצט און ווייטער, רירט נישט אן אייער CVC אדער הויט בלויז מיט אן אלקאהאל פעד.** דאס וועט פארמינערן אייער ריזיקע פון באקומען אן אינפעקציע.

1. וואשט אייער הענט גרונטליך מיט ווארעם וואסער און אנטיבאקטעריעל זייף אדער נוצט א האנט סאניטייזער פעקל צוגעשטעלט אויפ׳ן דרויסן פונעם דרעסינג טוישן קיט.

1. הויבט אויף דעם פעקל מיט די סטערילע הענטשקעס. זייט פארזיכטיג נישט אנצורירן סיי וואס אויף די סטעריל פאפיר דרעיפ.

טוט אן די סטערילע הענטשקעס נאכפאלגנדיג די אנווייזונגען אין *How to Put on Your Sterile Gloves* (www.mskcc.org/cancer-care/patient-education/sterile-gloves), אנרירנדיג בלויז די אינעווייניג פונעם סטערילע הענטשקעס מיט אייער בלויזע האנט. איינמאל איר טראגט אייער הענטשקעס, זייט פארזיכטיג נישט אנצורירן גארנישט אנדערש אויסער וואס ליגט אויפ׳ן סטערילע פאפיר.

1. נעמט ארויס די צווייטע סטערילע פאפיר, עפנט עס אויף, און לייגט עס אויפ׳ן ארבעטס פלאץ. רוקט אלעס פונעם ערשטע סטערילע פאפיר ארויף אויפ׳ן צווייטע סטערילע פאפיר.

1. עפנט אלע אלקאהאל פעדס און נעמט זיי ארויס פון זייער פעקלעך. לייגט די אלקאהאל פעדס צוריק אויפ׳ן צווייטע סטערילע פאפיר. ווארפט ארויס די פעקלעך.

1. הויבט אויף דער ChloraPrep® עפליקעיטער מיט אייער דאמינענט האנט. דרוקט דער פליגלען אויפ׳ן זייט שטארק צוזאמען ביז איר הערט א קליק (זע בילד 3).



בילד 3. קלאראפרעפ אפליקעיטער

1. הייבט אויף אן אלקאהאל פעד מיט אייער נישט-דאמינענט האנט. נוצט עס צו האלטן אייער CVC אוועק פון אייער ברוסט-קאסטן (זע בילד 4). רירט נישט אן דעם CVC אליינס. רירט בלויז אן דעם אלקאהאל פעד.



בילד 4. האלטן דעם
קאטעטער

1. אנהויבנדיג ביים ארויסגאנג ארט, רייב ארויף און אראפ און פון זייט צו זייט מיט די Chlora-Prep צו מאכן א 2-אינטש קעסטל ארום דער ארויסגאנג ארט (זע בילד 5). רייבט פאר 30 סעקונדעס. ווארפט ארויס דעם ChloraPrep.



בילד 5. רייניגן דעם ארויסגאנג ארט

1. ערלויבט דעם ארט זיך צו טריקענען פאר כאטש 30 סעקונדעס. מאכט נישט קיין לופט אדער בלאזט נישט אויף דעם. האלט ווייטער דער CVC אוועק פון אייער ברוסט-קאסטן.
1. הייבט אויף נאך אן אלקאהאל מיט אייער דאמינענט האנט. נוצט עס צו האלטן אייער CVC גלייך איבער וואו דער צענטראלע קאטעטער צוטיילט זיך צו לומענס. האלט אייער CVC ארויף און אוועק פון אייער ברוסט-קאסטן.
1.ווארפט ארויס די אלקאהאל פעס וואס איז אין אייער נישט-דאמינענט האנט און הויבט אויף א נייע. נוצנדיג די אלקאהאל פעד, איידלערהייט ווישט פון די ארויסגאנג ארט צו די עק פון די לומען (זע בילד 6). שלעפ נישט אויף אייער CVC.



בילד 6. רייניגן די לומענס

2. טוט שריט 19 נאכאמאל פאר יעדע לומען.

2. איינמאל איר האט גערייניגט אלע לומענס, קענט איר אויפהערן האלטן אייער CVC אוועק פון אייער קערפער.

2. לייגט דעם No Sting Barrier Film אויף אייער הויט אין די פארעם פון א רעקטאנגל אומגעפער די מאס פון דער דרעסינג. לאזט עס אינגאנצן זיך אויסטריקענען. מאכט נישט קיין לופט אדער בלאזט נישט אויף דעם.

2. נעמט אראפ דעם אונטן פונעם Tegaderm CHG דרעסינג (זע בילד 7). לייגט דער דרעסינג מיט'ן דריי-עקיגע פארעם איבער אייער CVC. לייגט דער דזשעל פעד אינמיטן איבער דער ארויסגאנג ארט און מאכט גלייך די דרעסינג עקן. ציט נישט אויס די

דרעסינג ווען איר לייגט עס ארויף.



בילד 7. Tegaderm CHG דרעסינג

2. כאפט אן דעם רונדיגע פלאסטיק שטיקל אינדרויסן און נעמט אראפ דעם פלאסטיק אינגאנצן ארום און ארום דעם דרעסינג (זע בילד 8). דרוקט אויפ'ן דרויסן פונעם דרעסינג צו מאכן זיכער עס קלעבט גוט צו אייער הויט.



בילד 8. ארויפלייגן דעם Tegaderm CHG דרעסינג

איר זענט יעצט געענדיגט מיט׳ן סטערילע טייל פון טוישן דעם דרעסינג. לאזט אייער הענטשקעס און מאסקע אן צו טוישן די נאדל-לאזע באהעפטער און דיס-אינפעקציע קעפלעך.

## טוישן אייער נאדל-לאזע באהעפטערס און דיס-אינפעקציע קעפלעך

נאך איר לייגט ארויף די נייע דרעסינג, ווען איר טוישן די נאדל-לאזע באהעפטער און דיס-אינפעקציע קעפל אויף יעדע לומען פון אייער CVC. מאכט זיכער אז איר האט 3 אלקאהאל פעדס פאר יעדע לומען.

אויב איר טוישט אייער דרעסינג וועגן עס איז געשעדיגט, לויז, נאס, אדער שמוציג, דארפט איר נישט טוישן אייער נאדל-לאזע באהעפטערס און דיס-אינפעקציע קעפלעך אויסער אויב זיי זענען אויך שמוציג.

1. מאכט זיכער אז די קלעמפס אויף אייער לומענס זענען פארמאכט.
2. נוצנדיג אן אלקאהאל פעד, האלט דעם לומען מיט אייער נישט-דאמינענט האנט נאנט צו, אבער נישט אנרירנדיג, די נאדל-לאזע באהעפטער (זע בילד 9).



בילד 9. האלטן דעם קאטעטער

3. נוצנדיג אייער דאמינענט האנט, רייבט דעם באהעפטונג ארט פאר 15 סעקונדעס מיט נאך אן אלקאהאל פעד. לאָזט עס אויסטרוקענען במשך 15 סעקונדעס.
4. דרייט אראפ דעם אלטע נאדל-לאזע באהעפטער. ווארפט ארויס דעם אלטע נאדל-לאזע באהעפטער און אלקאהאל פעד.
5. נוצנדיג אייער דאמענענט האנט, רייבט די עק פונעם לומען פאר 15 סעקונדעס מיט א נייע אלקאהאל פעד. לאָזט עס אויסטרוקענען במשך 15 סעקונדעס.
6. הויבט אויף א נייע נאדל-לאזע באהעפטער מיט אייער דאמינענט האנט. אויב עס האט א דעקל, נעמט עס אראפ. דרייט דעם נייע נאדל-לאזע באהעפטער ארויף אויפ'ן לומען (זע בילד 10).



בילד 10. ארויפדרייען דעם נייע נאדל-
לאזע באהעפטער

7. אויב איר וועט נישט פלאש'ן אייער CVC**גלייך**, לייגט דער דיס-אינפעקציע דעקל ביים עק פון די נאדל-לאזע באהעפטער.
8. טוט שריט 2 ביז 7 נאכאמאל פאר אייער אנדערע לומענס.
9. נעמט אראפ אייער מאסקע און הענטשקעס. ווארפט זיי ארויס.
1. פארזיכערט אייער CVC עס צו באשיצן פון ווערן געצויגן. אייער נורס וועט אייך העלפן באשליסן אויף די באקוועמסטע וועג פון דאס טון. איר קענט:

   ◦ עס ארייננשטעקן אין אייער ברא (אויב איר טראגט איינס).
   ◦ עס צוטשעפענען צו אייער קליידער. כדי דאָס צו טאָן:

1. שניידט א 3-אינטש שטיקל פון פאפיר טעיפ.
2. בייגט איבער די עקן פון די טעיפ (זע בילד 11). לאזט גענוג קלעביגע טעיפ איר זאלט עס קענען ארומוויקלען אלע לומענס.
3. נעמט צאם די לומענס מיט די קלעביגע טייל פון די פאפיר

טעיפ. לייגט א סעיפטי פין דורך די געבויגענע עקן, און טשעפּעט עס צו צום אינעווייניג פון אייער קליידער.




בילד 11. פאפיר טעיפ

**לאזט דעם CVC הענגען לויז בלויז אויב איר זענט זיכער אז עס וועט נישט ווערן געצויגן.**

## וויאזוי צו פלאש'ן אייער CVC

א מיטגליד פון אייער קעיר טיעם וועט אייך זאגן אויב איר דארפט רייניגן אייער CVC. אויב איר דארפט, פאלגט אויס די שריט אונטן.

### געצייג

- אנגעפולטע, 10 mL איינשפריץ(ן) האלטנדיג נארמאלע סעילין סאלושין. איר וועט דארפן 1 איינשפריץ פאר יעדע לומען.
- נישט-סטערילע הענטשקעס
- 2 אלקאהאל פעדס פאר יעדע לומען
- 1 דיס-אינפעקציע קעפל פאר יעדע לומען

### שריט צו רייניגן אייער CVC

1. זאַמלט צונויף די סופּלייס.
2. רייניגט אייער הענט גוט.
   - אויב איר וואשט אייער הענט מיט זייף און וואסער, מאכט אייער הענט נאס מיטווארעם וואסער און לייגט אנטי-באקטעריאל זייף. רײבט גוט די הענט במשך כאָטש 20 סעקונדעס און שווענקט אויס. טריקנט אפ אייער הענט מיט א פאפיר טאוועל און נוצט דעם זעלבן פאפיר טאוועל צו פארמאכן דעם קראן. אויב איר האט נישט פאפיר טאוועלס, איז אקעי צו נוצן ריינע האנטוכער. טוישט זיי ווען זיי ווערן נאַס.
   - אויב איר נוצט האנט סאניטייזער, מאכט זיכער צוצודעקן אייער גאנצע הענט דערמיט. רייבט זיי צוזאמען ביז זיי זענען טריקן.
3. טוט אן א פאר פון נישט-סטערילע הענטשקעס.
4. לאזט ארויס די לופט באבלס אינעם איינשפריץ. כדי דאָס צו טאָן:
   1. האלט דער איינשפריץ אזוי אז די שפיץ ציִיגט ארויף.
   2. טאפט די זייט איידלערהייט. די לופט באבלס זאלן זיך ארויפרוקן אויבן.
   3. מאכט לויז אבער נעמט נישט אראפ די קעפל אויפ׳ן איינשפריץ.
   4. דרוקט אראפ דעם שטופער אויפ׳ן איינשפריץ ביז די לופט ווערט ארויסגעשטופט.
   5. מאַכט דעם דעקל פֿעסט צו.
5. הויבט אויף 1 לומען מיט אייער נישט-דאמינענט האנט. אויב איר האט א דיס-אינפעקציע קעפל, נעמט עס אראפ. נוצנדיג אייער

דאמענענט האנט, רייבט די עק פונעם נאדל-לאזע באהעפטער מיט אן אלקאהאל פעד פאר 15 סעקונדעס. לאָזט עס אויסטרוקענען במשך 15 סעקונדעס.

6. נעמט אראפ דעם קעפל פונעם איינשפריץ.ווארפט ארויס דעם קעפל. האלט ווייטער דער לומען אוועק פון אייער קערפער און מאכט זיכער אז גארנישט רירט אן דעם ריינע עק פונעם נאדל-לאזע באהעפטער בשעת איר טוט דאס.
7. פארזיכטיג שטופט דעם איינשפריץ אריין אינעם נאדל-לאזע באהעפטער און דרייט עס אין א קלאק-ווייז (צו די רעכטע זייט) ריכטונג ביז דער באהעפטונג פילט פארזיכערט.
8. עפנט דעם קלעמפ פונעם לומען. איידער איר הויבט אן אריינשפריצן די סעילין, מאכט זיכער אז עס איז נישט דא קיין דרייאונגען אדער אנדערע אפשטעלונגען אינעם טובינג.
9. נוצט די פאלגנדיגע שטופ/שטעל אפ מעטאד צו רייניגן אייער CVC.

   1. שפריצט שנעל אריין א דריטל פונעם סעילין. וואַרט אַ ביסל.
   2. שפריצט אריין נאך א דריטל פונעם סעילין. וואַרט אַ ביסל.
   3. שפּריצט אריין די לעצטע 1/3 פֿון די סעילין.

אויב איר קענט נישט אריינשפריצן דעם סעילין, שטעלט אייך אפ און מאכט זיכער אז די לומען האט נישט דעם קלעמפ און עס איז נישט דא קיין דרייאונגען אדער אנדער אפשטעלונגען אינעם טובינג. פרובירט צו איינשפריצן דעם סעילין נאכאמאל.

אויב איר קענט נאכאלץ נישט איינשפריצן דעם סעילין, נוצט נישט

קיין איבריגע דרוק צו פלאש'ן די ליניע. פאלגט אויס שריט 10 ביז 12 און דאן רופט אייער העלטקעיר פראוויידער.

1. פארמאכט די קלעמפס אויפ'ן לומענס.
1. דרייט דעם איינשפרייץ קאונטער-קלאק-ווייז (צו די לינקע זייט) עס צו אראפנעמען פונעם לומען.ווארפט עס ארויס.
1. באהעפט א נייע דיס-אינפעקציע קעפל צום עק פון די נאדל-לאזע באהעפטער.

טוט נאכאמאל שריט 4 ביז 12 פאר יעדע לומען. ווען איר ענדיגט, ווארפט ארויס אייער מאסקע און הענטשקעס. וואשט אייער הענט גרונטליך מיטווארעם וואסער און אנטיבאקטעריעל זייף אדער נוצט א האנט סאניטייזער.

## ווען צו רופן אייער העלטקעיר פראוויידער

רופֿט אײער העלטקעיר פּראָװײדער זאָפֿאָרט אויב:

- עס איז דא רויטקייט, געשוועלאכץ, אדער פליסיגקייטן ארום דעם ארויסגאנג ארט.
- איר האט פיבער פון 100.4 °F (38 °C) אדער העכער.
- אייער קאטעטער איז צובראכן אדער רינט.
- אויב אייער נאדל-לאזע באהעפטער פאלט אראפ.
- עס איז דא בלוט אין אייער קאטעטער.
- אייער קאטעטער ווערט צוטיילט פון אייער פאמפ.
- אייער קאטעטער איז באהאפטן צו א פאמפ און דער ווארענונגס

פייף אויף אייער פאמפ צינדט זיך אן.

- איר האט א נישט-ערקלערטע פראבלעם מיט אייער קאטעטער.

If you have questions or concerns, contact your healthcare provider. A member of your care team will answer Monday through Friday from 9 a.m. to 5 p.m. Outside those hours, you can leave a message or talk with another MSK provider. There is always a doctor or nurse on call. If you're not sure how to reach your healthcare provider, call 212-639-2000.

פאר מער ריסאורסעס, באזוכט www.mskcc.org/pe צו דורכקוקן אונזער ווירטואלע לייבררי.

---

About Your Central Venous Catheter (CVC) for Pediatric Patients - Last updated on July 1, 2024
אלע רעכטן ווערן געאייגנט און רעזערווירט דורך מעמאריעל סלאון קעטערינג קענסער צענטער

Memorial Sloan Kettering Cancer Center